# מַעֲשִׂיּוֹת דעם רבינ'ס

סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת
מֵרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב
זיע"א

הַמַּעֲשֶׂה עִם הַבְּחִינוֹת
בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ - וְאִידִישׁ

**מעשה ב' (סוף)**
**ממלך וקיסר (3)**
**גליון 47**

**שַׁבַּת שָׁלוֹם, יְלָדִים יְקָרִים!**

**בֶּן הַמֶּלֶךְ וּבַת הַקֵּיסָר,** אַחֲרֵי תְּלָאוֹת וְהַרְפַּתְקָאוֹת שׁוֹנוֹת וּמְשֻׁנּוֹת, זוֹכִים לַעֲבֹר עַל הַכֹּל, וּלְהִנָּצֵל מִכֻּלָּם, עַד שֶׁהֵם נִפְגָּשִׁים וְחוֹזְרִים לְבֵיתָם. מוהרנ"ת מֵאִיר לָנוּ אֶת הַמַּעֲשֶׂה הַזֶּה, בְּמִלּוֹתָיו הָאַחֲרוֹנוֹת לִפְנֵי פְּטִירָתוֹ, וּמְרַמֵּז לָנוּ קְצָת, לְמֵרָחוֹק, לְאָן הֵם נוֹסְעִים **וְהֵיכָן הַבַּיִת.**

הָיָה זֶה בְּאוֹר לְיוֹם ו' עֶרֶב שַׁבַּת קֹדֶשׁ פָּרָשַׁת וַיִּגַּשׁ. שְׁעוֹתָיו הָאַחֲרוֹנוֹת שֶׁל מוהרנ"ת. כָּל יְמֵי חַיָּיו **זָכַר אֶת תַּכְלִיתוֹ,** וְהֵכִין וְקִדֵּשׁ עַצְמוֹ לְרֶגַע זֶה, שֶׁבּוֹ יָשׁוּב לְבֵיתוֹ, **הַבַּיִת הַנִּצְחִי.**

בִּקֵּשׁ מוהרנ"ת מִתַּלְמִידָיו שֶׁעָמְדוּ אָז לְיָדוֹ שֶׁיִּקְרְאוּ לְפָנָיו אֶת שְׁנֵי הַמַּעֲשִׂיּוֹת הָרִאשׁוֹנוֹת שֶׁבַּסֵּפֶר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, (אֲבֵדַת בַּת מֶלֶךְ, וּמֶלֶךְ וְקֵיסָר), וּכְשֶׁהִגִּיעוּ לְסִיּוּם הַמַּעֲשֶׂה הַשֵּׁנִי בַּתֵּבוֹת "**וְעַתָּה בֶּן הַמֶּלֶךְ, נֵלְכָה וְנִסְעָה וְשָׁבוּ לְבֵיתָם", "קוּם אַהֶער לָאמִיר אַהֵיים פָּארְן: הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט אַהֵיים"** בִּקֵּשׁ מוהרנ"ת מִתַּלְמִידָיו שֶׁיַּחְזְרוּ שׁוּב וָשׁוּב עַל הַתֵּבוֹת הַלָּלוּ. וְאח"כ אָמַר: **"עַתָּה הָעֵת שֶׁאָשׁוּב הַבַּיְתָה"---**

חֲשִׁיבוּת גְּדוֹלָה יֵשׁ בְּדִבְרֵי רַבֵּנוּ לִזְכֹּר תָּמִיד מֵעוֹלָם הַבָּא, שֶׁסּוֹף כָּל סוֹף כֻּלָּנוּ נִצְטָרֵךְ לַחֲזֹר לְשָׁם. אַךְ לְשֵׁם מָה לִזְכֹּר? אָנוּ רְגִילִים לַחְשֹׁב שֶׁבַּעַל **זִכָּרוֹן טוֹב,** הוּא מִי שֶׁזּוֹכֵר הַרְבֵּה פְּרָטִים, לְמָשָׁל הוּא זוֹכֵר אֶת כָּל סִמְלֵי חֶבְרוֹת הָרְכָבִים שֶׁיֵּשׁ בָּעוֹלָם... אוֹ מִסְפְּרֵי טֶלֶפוֹן שֶׁל כָּל הַחֲבֵרִים וְכַדּוֹמֶה.

רַבֵּנוּ ז"ל מַנִּיחַ כְּלָל חָדָשׁ לְגַמְרֵי לְעִנְיַן הַזִּכָּרוֹן, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב בְּלִקּוּטֵי מוהר"ן נ"ד: **"עִקַּר הַזִּכָּרוֹן הוּא לִזְכֹּר תָּמִיד בְּעָלְמָא דְאָתֵי".**

**מַה זֶּה זִכָּרוֹן?** אוֹמֵר רַבֵּנוּ, **לִזְכֹּר** שֶׁיֵּשׁ עוֹלָם הַבָּא!!!

לָמָּה? אֵיךְ זֶה קָשׁוּר לְזִכָּרוֹן? נְנַסֶּה לְהַסְבִּיר זֹאת **בְּמָשָׁל:**

אֱלִיעֶזֶר נִשְׁלַח עַל יְדֵי הָרַבִּי בַּכִּתָּה לַחֲנוּת הַקְּרוֹבָה, לִקְנוֹת שְׁתִיָּה לַסִּיּוּם הַקָּרוֹב. אֱלִיעֶזֶר רָץ לַחֲנוּת בְּשִׂמְחָה וּבִזְרִיזוּת , אַךְ כְּשֶׁהִגִּיעַ לַחֲנוּת **שָׁכַח לְגַמְרֵי מַה בִּקֵּשׁ הָרַבִּי לִקְנוֹת.** אֱלִיעֶזֶר הֵחֵל לְהִסְתּוֹבֵב בַּחֲנוּת בֵּין הַמַּדָּפִים, כְּשֶׁהוּא סוֹקֵר בִּתְשׂוּמֶת לֵב אֶת כָּל הַפְּרִיטִים הָרַבִּים הָעוֹמְדִים לִמְכִירָה. פַּעַם אַחַר פַּעַם הוּא הִסְתּוֹבֵב וְהִתְבּוֹנֵן, עַד שֶׁהוּא כְּבָר יָדַע **וְזָכַר** כָּל פְּרָט בַּחֲנוּת, אַיֵּה מְקוֹם כְּבוֹדוֹ, וְהֵיכָן בְּדִיּוּק הוּא מֻנָּח, וּמִי וָמִי הֵם הָעוֹבְדִים, וַאֲפִלּוּ כַּמָּה עֲגָלוֹת עוֹמְדוֹת לְשֵׁרוּת הַקּוֹנִים...

הַאִם זִכְרוֹנוֹ הַמֻּפְלָא מוֹעִיל לֶאֱלִיעֶזֶר?! כָּל בַּר דַּעַת מֵבִין, שֶׁאִם אֱלִיעֶזֶר אֵינוֹ זוֹכֵר לְשֵׁם מָה הִגִּיעַ לַחֲנוּת, וּמַה הוּא הִתְבַּקֵּשׁ לִקְנוֹת, זִכְרוֹן כָּל הַפְּרָטִים **לֹא יוֹבִילוּ אוֹתוֹ לְשׁוּם מָקוֹם....**

כָּךְ גַּם כָּל אֶחָד מֵאִתָּנוּ יָרַד לָעוֹלָם הַזֶּה עִם מַטָּרָה וְתַכְלִית, **לַעֲבֹד אֶת ה' יִתְבָּרַךְ,** כָּל אֶחָד לְפִי כֹּחוֹ. וְלָכֵן זֶה עִקַּר **הַזִּכָּרוֹן,** לִזְכֹּר לָמָּה בָּאתִי לְכָאן? הֲרֵי יוֹם אֶחָד כֻּלָּנוּ נַחֲזֹר לְשָׁם, וְאָז, **"מַה תַּעֲשֶׂה לְיוֹם פְּקֻדָּה, וּמַה תָּשִׁיב לְשׁוֹלְחֲךָ דָּבָר"** (שִׁיר יְדִידוּת רַבֵּנוּ) מַה נַּעֲנֶה לְמִי שֶׁשָּׁלַח אוֹתָנוּ לָזֶה הָעוֹלָם?

רַבֵּנוּ מְלַמֵּד אֹתָנוּ **שֶׁכָּךְ רָאוּי לְכָל אִישׁ יִשְׂרְאֵלִי תֵּכֶף שֶׁיָּקִיץ מִשְּׁנָתוֹ לִזְכֹּר מֵעָלְמָא דְאָתֵי,** (לקו"מ נ"ד) **לִזְכֹּר שֶׁיֵּשׁ עוֹלָם הַבָּא,** וְיֵשׁ מַטָּרָה וְתַכְלִית לָזֶה שֶׁאֲנִי כָּאן. **הַזִּכָּרוֹן הַזֶּה נוֹתֵן הַרְבֵּה יִשּׁוּב הַדַּעַת,** וְהִסְתַּכְּלוּת אֲמִתִּית עַל הַחַיִּים, שֶׁלֹּא נְבַלֶּה אֶת חַיֵּינוּ בְּשׁוֹטְטוּת חַסְרַת תַּכְלִית בֵּין תַּאֲווֹת הָעוֹלָם וַהֲבָלָיו, רַק נִזְכֶּה לַחֲזֹר עִם יָמִים וְשָׁנִים מְלֵאִים וּגְדוּשִׁים בְּיִרְאַת שָׁמַיִם, וַעֲבוֹדַת ה',

שַׁבַּת שָׁלוֹם וּמְבֹרָךְ!



# מַעֲשֶׂה ב – מִ'מֶּלֶךְ' וְ'קֵיסָר'

## פֶּרֶק ה – הַ'בֶּן־מֶלֶךְ' בְּ'רֹאשׁ־הַתֹּרֶן'

**[א]** וַיְהִי הַיּוֹם! וְהָיָה מֶלֶךְ אֶחָד זָקֵן. וְהָיָה לוֹ בֵּן יָחִיד, וְהִשִּׂיא אוֹתוֹ, וּמָסַר מַלְכוּתוֹ לִבְנוֹ. אָמַר הַבֶּן־מֶלֶךְ: שֶׁיֵּלֵךְ וִיטַיֵּל עִם אִשְׁתּוֹ בַּיָּם, כְּדֵי שֶׁתִּהְיֶה רְגִילָה בַּאֲוִיר הַיָּם, פֶּן חַס־וְשָׁלוֹם מֻכְרָחִים בְּאֵיזוֹ פַּעַם לִבְרֹחַ בַּיָּם.

וְהָלַךְ עִם אִשְׁתּוֹ עִם הַשָּׂרֵי־מְלוּכָה, וּפָרְשׁוּ בִּסְפִינָה, וְהָיוּ שָׁם שְׂמֵחִים וּמְשַׂחֲקִים מְאֹד. אַחַר־כָּךְ אָמְרוּ: שֶׁיִּפְשְׁטוּ כֻּלָּם בִּגְדֵיהֶם (הַיְנוּ: הַבֶּן־מֶלֶךְ עִם הַשָּׂרֵי־מְלוּכָה שֶׁהָיוּ שָׁם בִּסְפִינָה, הִתְיַעֲצוּ מֵחֲמַת שִׂמְחָה, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם פּוֹשְׁטִים אֶת בִּגְדֵיהֶם, וְכֵן עָשׂוּ), וְלֹא נִשְׁאַר עֲלֵיהֶם כִּי אִם הַכֻּתֹּנֶת. וְהָיוּ מִתְחַזְּקִין לַעֲלוֹת עַל הַתֹּרֶן. וְהָיָה הַבֶּן־מֶלֶךְ הַנַּ"ל מִתְחַזֵּק לַעֲלוֹת לְשָׁם.

וְהִיא (הַיְנוּ: הַבַּת־קֵיסָר הַנַּ"ל) בָּאתָה עִם הַסְּפִינָה (שֶׁלָּהּ הַנַּ"ל), וְרָאֲתָה אוֹתוֹ הַסְּפִינָה הַנַּ"ל (הַיְנוּ: הַסְּפִינָה שֶׁל הַבֶּן־מֶלֶךְ עִם שָׂרֵי־מְלוּכָה הַנַּ"ל), וּבִתְחִלָּה הָיְתָה יְרֵאָה לְהִתְקָרֵב. אַחַר־כָּךְ נִסְמְכוּ קְצָת, וְרָאוּ שֶׁהֵם מְשַׂחֲקִים מְאֹד, וְהֵבִינוּ שֶׁאֵינָם גַּזְלָנִים, וְהִתְחִילוּ לְהִתְקָרֵב.

אָמְרָה הַבַּת־קֵיסָר לַחֲבֵרוֹתֶיהָ: אֲנִי יְכוֹלָה לְהַפִּיל אֶת אוֹתוֹ הַקֵּרֵחַ לְתוֹךְ הַיָּם (הַיְנוּ: אֶת הַבֶּן־מֶלֶךְ הַנַּ"ל, שֶׁהָיָה עוֹלֶה בְּרֹאשׁ־הַתֹּרֶן, כַּנַּ"ל) – כִּי הַבֶּן־מֶלֶךְ הַנַּ"ל הָיָה קֵרֵחַ, דְּהַיְנוּ: שֶׁהָיָה מְקֻרָּח רֹאשׁוֹ מִשְּׂעָרוֹת. אָמְרוּ לָהּ: וְאֵיךְ אֶפְשָׁר, הֲלֹא אָנוּ רְחוֹקִים מֵהֶם מְאֹד? – אָמְרָה לָהֶן: שֶׁיֵּשׁ זְכוּכִית שֶׁשּׂוֹרֵף, וְעַל־יְדֵי זֶה תַּפִּיל אוֹתוֹ.

וְאָמְרָה: שֶׁלֹּא לְהַפִּיל אוֹתוֹ, עַד שֶׁיַּעֲלֶה עַל רֹאשׁ־הַתֹּרֶן מַמָּשׁ, כִּי כְּשֶׁהוּא בְּאֶמְצָעִית הַתֹּרֶן, אֲזַי כְּשֶׁיִּפֹּל, יִפֹּל אֶל תּוֹךְ הַסְּפִינָה. אֲבָל כְּשֶׁיַּעֲלֶה בָּרֹאשׁ, אֲזַי כְּשֶׁיִּפֹּל, יִפֹּל לְתוֹךְ הַיָּם. הִמְתִּינָה עַד שֶׁעָלָה אֶל רֹאשׁ־הַתֹּרֶן מַמָּשׁ, וְלָקְחָה הַזְּכוּכִית שֶׁשּׂוֹרֵף נֶגֶד הַחַמָּה (שֶׁקּוֹרִין בְּרֶען־בְּרִיל), וְכִוְּנָה נֶגֶד מֹחוֹ, עַד שֶׁנִּכְוָה מֹחוֹ וְנָפַל לְתוֹךְ הַיָּם.

**[ב]** וְכֵיוָן שֶׁרָאוּ (אַנְשֵׁי הַסְּפִינָה שֶׁל הַמֶּלֶךְ הַנַּ"ל) שֶׁנָּפַל, נַעֲשָׂה שָׁם רַעַשׁ גָּדוֹל, כִּי אֵיךְ יוּכְלוּ לַחֲזֹר לְבֵיתָם, כִּי הַמֶּלֶךְ יָמוּת מֵחֲמַת צַעַר. וְאָמְרוּ: לְהִתְקָרֵב אֶל הַסְּפִינָה שֶׁרוֹאִין (הַיְנוּ: לִסְפִינָה זוֹ הַנַּ"ל שֶׁל הַבַּת־קֵיסָר), אוּלַי יֵשׁ שָׁם אֵיזֶה דָּאקְטֶיר [רוֹפֵא] שֶׁיּוּכַל לִתֵּן לָהֶם עֵצָה.

וְהִתְקָרְבוּ אֶל הַסְּפִינָה הַנַּ"ל (הַיְנוּ: הַסְּפִינָה שֶׁל הַבַּת־קֵיסָר עִם הַשָּׂרוֹת הַנַּ"ל), וְאָמְרוּ לָהֶם (אַנְשֵׁי הַסְּפִינָה שֶׁל הַמֶּלֶךְ, לְהַשָּׂרוֹת עִם הַבַּת־קֵיסָר הַנַּ"ל): שֶׁלֹּא יִתְיָרְאוּ כְּלָל, כִּי לֹא יַעֲשׂוּ לָהֶם כְּלָל. שָׁאֲלוּ אוֹתָם: אוּלַי יֵשׁ בֵּינֵיכֶם דָּאקְטֶיר שֶׁיִּתֵּן לָנוּ עֵצָה. וְסִפְּרוּ לָהֶם כָּל הַמַּעֲשֶׂה, וְשֶׁבֶּן־הַמֶּלֶךְ נָפַל לְתוֹךְ הַיָּם. וְאָמְרָה הַבַּת־קֵיסָר: שֶׁיּוֹצִיאוּ אוֹתוֹ מִן הַיָּם.

וְהָלְכוּ, וּמָצְאוּ אוֹתוֹ, וְהוֹצִיאוּ אוֹתוֹ. וְלָקְחָה הַדֹּפֶק בְּיָדָהּ, וְאָמְרָה: "שֶׁנִּשְׂרַף מֹחוֹ". וְקָרְעוּ הַמֹּחַ, וּמָצְאוּ: שֶׁכִּדְבָרֶיהָ כֵּן הוּא. וְנִבְהֲלוּ מְאֹד. וּבִקְשׁוּ מִמֶּנָּה: "שֶׁתֵּלֵךְ עִמָּהֶם לְבֵיתָם, וְתִהְיֶה דָּאקְטֶיר אֵצֶל הַמֶּלֶךְ, וְתִהְיֶה חֲשׁוּבָה וּגְדוֹלָה מְאֹד". וְלֹא רָצְתָה. וְאָמְרָה: "כִּי אֵינֶנָּה דָּאקְטֶיר, רַק שֶׁיּוֹדַעַת סְתָם דְּבָרִים הַלָּלוּ".

וְלֹא רָצוּ (אַנְשֵׁי הַסְּפִינָה שֶׁל הַמֶּלֶךְ) לַחֲזֹר לְבֵיתָם, וְהָלְכוּ שְׁתֵּי הַסְּפִינוֹת בְּיַחַד.

**[ג]** וְהוּטַב בְּעֵינֵי הַשָּׂרֵי־מְלוּכָה מְאֹד: "שֶׁהַמַּלְכָּה שֶׁלָּהֶם תִּשָּׂא אֶת הַדָּאקְטֶיר" – מֵחֲמַת גֹּדֶל חָכְמָתוֹ שֶׁרָאוּ בּוֹ. (כִּי הַשָּׂרֵי־מְלוּכָה שֶׁל בֶּן־הַמֶּלֶךְ הַנַּ"ל שֶׁנָּפַל וָמֵת, סָבְרוּ: שֶׁהַבַּת־קֵיסָר עִם הַשָּׂרוֹת הַנַּ"ל הֵם זְכָרִים, כִּי הָיוּ מְלֻבָּשִׁים בְּמַלְבּוּשֵׁי זְכָרִים כַּנַּ"ל. עַל־כֵּן רָצוּ: שֶׁהַמַּלְכָּה שֶׁלָּהֶם שֶׁהִיא אֵשֶׁת בֶּן־הַמֶּלֶךְ שֶׁמֵּת, תִּשָּׂא אֶת הַדָּאקְטֶיר, שֶׁהִיא בֶּאֱמֶת הַבַּת־קֵיסָר, שֶׁהָיוּ סְבוּרִים שֶׁהִיא דָּאקְטֶיר, מֵחֲמַת שֶׁיָּדְעָה בְּחָכְמָתָהּ שֶׁנִּשְׂרַף הַמֹּחַ שֶׁל בֶּן־הַמֶּלֶךְ שֶׁנָּפַל, כַּנַּ"ל), וְשֶׁיִּהְיֶה הוּא מֶלֶךְ שֶׁלָּהֶם; וְאֶת הַמֶּלֶךְ שֶׁלָּהֶם (הַיְנוּ: הַמֶּלֶךְ הַזָּקֵן הַנַּ"ל) יַהַרְגוּ. (כָּל זֶה הָיוּ רוֹצִים מְאֹד הַשָּׂרֵי־מְלוּכָה הַנַּ"ל).

אַךְ שֶׁלֹּא הָיָה אֶפְשָׁר לְדַבֵּר דָּבָר כָּזֶה אֶל הַמַּלְכָּה: "שֶׁהִיא תִּשָּׂא דָּאקְטֶיר". גַּם לְהַמַּלְכָּה הוּטַב גַּם־כֵּן מְאֹד: "שֶׁתִּשָּׂא אֶת הַדָּאקְטֶיר" – אַךְ שֶׁהָיְתָה מִתְיָרְאָה מִן הַמְּדִינָה, פֶּן לֹא יִתְרַצּוּ שֶׁיִּהְיֶה הוּא מֶלֶךְ.

וְהִסְכִּימוּ: לַעֲשׂוֹת מִשְׁתָּאוֹת – כְּדֵי שֶׁבְּעֵת הַמִּשְׁתֶּה בִּשְׁעַת חֶדְוָה, יוּכְלוּ לְדַבֵּר מִזֶּה. וְהָיוּ עוֹשִׂין מִשְׁתֶּה, אֵצֶל כָּל אֶחָד בְּיוֹמוֹ.

כְּשֶׁהִגִּיעַ יוֹם מִשְׁתֵּה שֶׁל הַדָּאקְטֶיר (הַיְנוּ: הַבַּת־קֵיסָר), נָתַן לָהֶם מִיַּיִן שֶׁלּוֹ הַנַּ"ל, וְנִשְׁתַּכְּרוּ. בִּשְׁעַת חֶדְוָה אָמְרוּ הַשָּׂרִים: "מַה יָּפֶה הָיָה שֶׁהַמַּלְכָּה תִּשָּׂא אֶת הַדָּאקְטֶיר". וְאָמַר הַדָּאקְטֶיר: "יָפֶה מְאֹד הָיָה, רַק אִם הָיוּ מְדַבְּרִים זֹאת בִּלְתִּי פֶּה שָׁתוּי" (הַיְנוּ: שֶׁלֹּא בִּשְׁעַת שִׁכְרוּת).

נַעֲנֵית הַמַּלְכָּה גַּם־כֵּן וְאָמְרָה: "מַה יָּפֶה הָיָה, שֶׁהִיא תִּשָּׂא אֶת הַדָּאקְטֶיר, רַק שֶׁהַמְּדִינָה תַּסְכִּים עַל זֶה". הֵשִׁיב שֵׁנִית הַדָּאקְטֶיר (הַיְנוּ: בַּת־הַקֵּיסָר): "יָפֶה מְאֹד הָיָה, רַק אִם הָיוּ מְדַבְּרִים זֹאת בִּלְתִּי פֶּה שָׁתוּי".

אַחַר־כָּךְ כְּשֶׁהֵקִיצוּ מִשִּׁכְרוּתָם, נִזְכְּרוּ הַשָּׂרִים מַה שֶּׁאָמְרוּ, וְנִתְבַּיְּשׁוּ בְּעַצְמָן מֵהַמַּלְכָּה, שֶׁאָמְרוּ דָּבָר כָּזֶה, אַךְ הֲלֹא הִיא גַּם־כֵּן בְּעַצְמָהּ אָמְרָה זֹאת. וְהִיא גַּם־כֵּן נִתְבַּיְּשָׁה מִפְּנֵיהֶם, אַךְ הֲלֹא גַּם הֵם אָמְרוּ זֹאת. וְהִתְחִילוּ לְדַבֵּר מִזֶּה, וְנִסְכַּם בֵּינֵיהֶם־כֵּן, וְנִתְחַתְּנָה הִיא עִם הַדָּאקְטֶיר (וְכַנַּ"ל, הַיְנוּ: עִם בַּת־הַקֵּיסָר שֶׁסָּבְרוּ שֶׁהִיא דָּאקְטֶיר, כַּנַּ"ל). וְהָלְכוּ לִמְדִינָתָם.

[ד] וּכְשֶׁרָאוּ בְּנֵי הַמְּדִינָה שֶׁהֵם בָּאִים, שָׂמְחוּ מְאֹד, כִּי זֶה זְמַן רַב שֶׁהָלַךְ הַבֶּן־מֶלֶךְ, וְלֹא יָדְעוּ הֵיכָן הוּא, וְהַמֶּלֶךְ הַזָּקֵן כְּבָר מֵת בְּטֶרֶם בִּיאָתָם. אַחַר־כָּךְ רָאוּ (בְּנֵי הַמְּדִינָה): שֶׁהַ'בֶּן־מֶלֶךְ' שֶׁהוּא מֶלֶךְ שֶׁלָּהֶם – אֵינֶנּוּ. וְשָׁאֲלוּ: "הֵיכָן הוּא מַלְכֵּנוּ"?! וְסִפְּרוּ לָהֶם כָּל הַמַּעֲשֶׂה: "אֵיךְ שֶׁכְּבָר מֵת, וְשֶׁכְּבָר קִבְּלוּ לָהֶם מֶלֶךְ זֶה, שֶׁבָּא עִמָּהֶם". וְשָׂמְחוּ מְאֹד: עַל שֶׁבָּא לָהֶם מֶלֶךְ חָדָשׁ.

## פֶּרֶק ו – נֵלְכָה וְנִסְּעָה

[א] וְהַמֶּלֶךְ (הַיְנוּ: בַּת־הַקֵּיסָר הַנַּ"ל, שֶׁהִיא נַעֲשֵׂית עַתָּה מֶלֶךְ, כַּנַּ"ל) צִוָּה לְהַכְרִיז בְּכָל מְדִינָה וּמְדִינָה: שֶׁכָּל מִי שֶׁנִּמְצָא בְּכָל מָקוֹם שֶׁהוּא: גֵּר, אוֹ אוֹרֵחַ, וּבוֹרֵחַ, וּמְגֹרָשׁ – שֶׁכֻּלָּם יָבוֹאוּ עַל הַחֲתֻנָּה שֶׁלּוֹ, אִישׁ מֵהֶם לֹא יִהְיֶה נֶעְדָּר, וִיקַבְּלוּ מַתָּנוֹת גְּדוֹלוֹת.

וְצִוָּה (הַמֶּלֶךְ הַנַּ"ל, הַיְנוּ: בַּת־הַקֵּיסָר): שֶׁיַּעֲשׂוּ סָבִיב סָבִיב כָּל הָעִיר 'מַעְיָנוֹת' – כְּדֵי שֶׁכְּשֶׁאֶחָד יִרְצֶה לִשְׁתּוֹת, לֹא יִצְטָרֵךְ לֵילֵךְ וְלִשְׁתּוֹת, רַק כָּל אֶחָד יִמְצָא מַעְיָן אֶצְלוֹ.

וְצִוָּה (הַמֶּלֶךְ הַנַּ"ל, הַיְנוּ: בַּת־הַקֵּיסָר): לְצַיֵּר צוּרָתוֹ אֵצֶל כָּל מַעְיָן וּמַעְיָן, וְשֶׁיַּעַמְדוּ שׁוֹמְרִים וְיִשְׁמְרוּ: בְּאִם שֶׁיָּבוֹא אֶחָד, וְיִסְתַּכֵּל בְּיוֹתֵר עַל הַצּוּרָה, וְיַעֲשֶׂה 'רַע־פָּנִים' (הַיְנוּ: שֶׁיִּשְׁתַּנֶּה פָּנָיו, כְּמוֹ מִי שֶׁמַּבִּיט הֵיטֵב עַל אֵיזֶה דָּבָר וּמִשְׁתּוֹמֵם וּמִצְטַעֵר) – אֲזַי יִתְפְּסוּ אוֹתוֹ בַּתְּפִיסָה. וְכֵן עָשׂוּ.

[ב] וּבָאוּ אֵלּוּ הַשְּׁלֹשָׁה הַנַּ"ל – דְּהַיְנוּ: א) בֶּן־הַמֶּלֶךְ הָרִאשׁוֹן, שֶׁהוּא הֶחָתָן הָאֱמֶת שֶׁל בַּת־הַקֵּיסָר הַזֹּאת (שֶׁהִיא הַמֶּלֶךְ עַכְשָׁו, כַּנַּ"ל). ב) וּבֶן־הַסּוֹחֵר (הַנַּ"ל, שֶׁגֵּרְשׁוּ אָבִיו מֵחֲמַת הַבַּת־הַקֵּיסָר הַזֹּאת, שֶׁבָּרְחָה עִם הַסְּפִינָה עִם כָּל הַסְּחוֹרָה, כַּנַּ"ל). ג) וְהַמֶּלֶךְ שֶׁהֶעֱבִירוּהוּ (גַּם־כֵּן עַל־יָדָהּ, כִּי בָּרְחָה מִמֶּנּוּ עִם אַחַד־עָשָׂר שָׂרוֹת, כַּנַּ"ל).

וְכָל אֶחָד מֵאֵלּוּ הַשְּׁלֹשָׁה, הִכִּיר שֶׁזֶּה צוּרָתָהּ, וְהִסְתַּכְּלוּ וְנִזְכְּרוּ וְנִצְטַעֲרוּ. (הַיְנוּ: שֶׁבָּאוּ אֵצֶל הַמַּעְיָנוֹת הַנַּ"ל, וְרָאוּ צוּרָתָהּ שֶׁהָיְתָה מְצֻיֶּרֶת שָׁם, וְהִכִּירוּ אוֹתָהּ, וְהָיוּ מִסְתַּכְּלִים בְּיוֹתֵר וְכוּ'), וְתָפְסוּ אוֹתָם בַּתְּפִיסָה.

[ג] בִּשְׁעַת חֲתֻנָּה: צִוָּה הַמֶּלֶךְ (הַיְנוּ: הַבַּת־הַקֵּיסָר): שֶׁיָּבוֹאוּ הַשְּׁבוּיִים לְפָנָיו. וְהֵבִיאוּ הַשְּׁלֹשָׁה הַנַּ"ל, וְהִכִּירָה אוֹתָם, וְהֵם לֹא הִכִּירוּהָ, מֵחֲמַת שֶׁמְּלֻבֶּשֶׁת כְּמוֹ אִישׁ.

עָנְתָה הַבַּת־קֵיסָר וְאָמְרָה:

אַתָּה 'מֶלֶךְ' (הַיְנוּ: הַמֶּלֶךְ שֶׁהֶעֱבִירוּהוּ הַנַּ"ל, שֶׁהוּא אֶחָד מִג' הַשְּׁבוּיִים הַנַּ"ל): אוֹתְךָ הֶעֱבִירוּ בִּשְׁבִיל הָאַחַד־עָשָׂר בְּנוֹת־שָׂרִים שֶׁנֶּאֶבְדוּ. הֲרֵי לְךָ הַבְּנוֹת־שָׂרִים. שׁוּב לִמְדִינָתְךָ וּלְמַלְכוּתְךָ (כִּי הָאַחַד־עָשָׂר בְּנוֹת־שָׂרִים הָיוּ עִמָּהּ כָּאן, כַּנַּ"ל).

אַתָּה 'סוֹחֵר' (הַיְנוּ: בִּתְחִלָּה דִּבְּרָה לְהַמֶּלֶךְ שֶׁהֶעֱבִירוּהוּ הַנַּ"ל. עַכְשָׁו חָזְרָה פָּנֶיהָ וְדִבְּרָה עִם הַסּוֹחֵר, הַיְנוּ: עִם בֶּן־הַסּוֹחֵר הַנַּ"ל): אוֹתְךָ גֵּרֵשׁ אָבִיךָ בִּשְׁבִיל הַסְּפִינָה עִם סְחוֹרָה שֶׁנֶּאֶבְדָה מִמְּךָ (כַּנַּ"ל) – הֲרֵי לְךָ הַסְּפִינָה שֶׁלְּךָ עִם כָּל הַסְּחוֹרָה. וְעַל שֶׁנִּשְׁתַּהָא הַמָּעוֹת כָּל כָּךְ – יֵשׁ לְךָ עַתָּה עֲשִׁירוּת בַּסְּפִינָה, בְּכִפְלֵי־כִּפְלַיִם מִמָּה שֶׁהָיָה (כִּי הַסְּפִינָה בְּעַצְמָהּ עִם כָּל הַסְּחוֹרָה שֶׁל בֶּן־הַסּוֹחֵר, שֶׁהִיא בָּרְחָה עִמָּהּ כַּנַּ"ל, עֲדַיִן הָיָה אֶצְלָהּ בִּשְׁלֵמוּת, כַּנַּ"ל. וְנוֹסָף לָזֶה: הָיָה בַּסְּפִינָה כָּל הָעֲשִׁירוּת שֶׁלָּקְחָה אֵצֶל הַגַּזְלָנִים הַנַּ"ל, שֶׁהָיָה עֲשִׁירוּת מֻפְלָג מְאֹד, כִּפְלֵי־כִּפְלַיִם, כַּנַּ"ל).

וְאַתָּה 'בֶּן־מֶלֶךְ' (הַיְנוּ: הֶחָתָן שֶׁלָּהּ בֶּאֱמֶת): נֵלְכָה וְנִסְּעָה! – וְשׁוּבוּ לְבֵיתְכֶם!

בָּרוּךְ ה' לְעוֹלָם אָמֵן וְאָמֵן!

## פֶּרֶק ה – דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' אוֹיפְן 'זֶעגְל־בּוֹים'

**[א]** וַיְהִי הַיּוֹם! אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ [אַלְטֶער] 'מֶלֶךְ'! – דֶער 'מֶלֶךְ' הָאט גֶעהַאט אַ 'בֶּן־יָחִיד', אוּן עֶר הָאט אִים 'חֲתוּנָה' גֶעמַאכְט, אוּן הָאט אִים אָפְּגֶעגֶעבְּן דִי 'מְלוּכָה'!

אַמָאל הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּם 'פָּאטֶער': "עֶר ווִיל גֵיין זִיךְ שְׁפַּאצִירְן מִיט זַיין 'וַוייבּ', אוֹיף דֶעם 'יַם', כְּדֵי זִי זָאל גֶעוואוֹינְט [אֵיינְגֶעוואוֹינְט] וֶוערְן מִיט דֶעם 'אֲוִיר' [לוּפְט] פוּן דֶעם 'יַם', טָאמֶער מוּז מֶען אַמָאל אַנְטְלוֹיפְן אוֹיף דֶעם 'יַם'" (דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעוָואלְט, אַז זִי זָאל גֶעוואוֹינְט וֶוערְן מִיט דֶעם 'אֲוִיר' פוּן דֶעם 'יַם')!

אִיז דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' גֶעגַאנְגֶען, מִיט זַיין 'וַוייבּ', אוּן מִיט דִי 'שָׂרֵי־מְלוּכָה', אוּן הָאבְּן זִיךְ גֶעלָאזְט אוֹיף אַ 'שִׁיף', אוּן זֶענֶען דָארְט זֵייעֶר פְרֵייליךְ גֶעוֶוען, אוּן הָאבְּן דָארְט זֵייעֶר גֶעשְׁטִיפְט [אַרוּמְגֶעלַאכְט]!

דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט: "זֵיי זָאלְן אַלֶע אוֹיסְטוּהְן זֵייעֶרֶע 'קְלֵיידֶער'"! – הָאבְּן זֵיי אַזוֹי גֶעטָאן, אוּן עֶס אִיז אוֹיף זֵיי מֶער נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן, נָאר דָאס 'הֶעמְד'! – אוּן הָאבְּן זִיךְ גֶעפְּרוּבְט אִיטְלֶעכֶער, וֶוער עֶס וֶועט זִיךְ קֶענֶען אַרוֹיפְכַאפְּן, אוֹיף דֶעם 'זֶעגְל־בּוֹים'! [הֶעכְסְטְן 'שְׁטַאנְג' פוּנֶעם 'שִׁיף', וָואס אוֹיף דֶעם פְלֶעגְט מֶען אוֹיסְשְׁפְּרֵייטְן דִי 'לַיינְוְונְטְן' – אוּן דָארְט אוֹיפְן 'שְׁפִּיץ' פוּנֶעם 'זֶעגְל־בּוֹים', אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיינֶע 'צִימֶער' פַארְן 'שִׁיף־קַאפִּיטַאן', צוּ קוּקְן פוּנְדֶערְוַוייטְנְס וואוּ צוּ פָארְן!] – הָאט זִיךְ דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' אַרוֹיפְגֶעכַאפְּט אוֹיף דֶעם 'זֶעגְל־בּוֹים'!

דֶערְוַוייל אִיז דִי 'בַּת־קֵיסָר' הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט], אָנְגֶעקוּמֶען מִיט אִיר 'שִׁיף', אוּן זִי הָאט גֶעזֶעהְן דִי 'שִׁיף' (פוּן דֶעם 'בֶּן־מֶלֶךְ' מִיט דִי 'שָׂרֵי־מְלוּכָה')! – הָאט זִי אִין דֶער תְּחִילָּה [אָנְהֵייבּ], מוֹרָא גֶעהַאט צוּ־צוּגֵיין! – דֶערְנָאךְ אִיז זִי גֶעקוּמֶען נָאנְט אַבִּיסְל, הָאט זִי גֶעזֶעהְן: "אַז זֵיי שְׁטִיפְן [לַאכְן] זֵייעֶר"! – הָאט זִי פַארְשְׁטַאנֶען: "אַז דָאס אִיז נִישְׁט קַיין 'גַזְלָנִים'"! – הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ־צוּגֵיין נֶענְטֶער!

הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן דִי 'בַּת־קֵיסָר' צוּ אִירֶע מֶענְטְשְׁן: "אִיךְ קֶען אַרָאפְּוַוארְפְן דֶעם 'פְּלִיחַ' [אוֹיסְגֶעפְּלִיקְט פוּן הָאר], אִין 'יַם' אַרַיין"! (דְהַיְינוּ: דֶעם 'בֶּן־מֶלֶךְ' וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעגְרִיסְן אַרוֹיפְצוּגֵיין אוֹיף דֶעם 'זֶעגְל־בּוֹים') – וָוארְן דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' הָאט גֶעהַאט אַ 'פְּלִיחַ' [אוֹיסְגֶעפְּלִיקְטֶע הָאר] אוֹיף דֶעם 'קָאפּ'!

הָאבְּן זֵיי צוּ אִיר גֶעזָאגְט: "וְוִי אִיז דָאס מֶעגְלִיךְ, מִיר זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן זֵיי"?! – הָאט זִי זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "זִי הָאט אַ 'בְּרֶען־בְּרִיל' [פוּן גְלָאז] – אוּן דוּרְכְדֶעם וֶועט זִי אִים אַרָאפְּוַוארְפְן"!

אוּן זִי הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: "[אַז] זִי וֶועט אִים נִישְׁט אַרָאפְּוַוארְפְן, בִּיז עֶר וֶועט אַרוֹיפְקוּמֶען, הֶעט [אִינְגַאנְצְן] אַרוֹיף אוֹיף דֶעם 'שְׁפִּיץ' פוּן דֶעם 'זֶעגְל־בּוֹים'! – וָוארְן כָּל־זְמַן [ווִילַאנְג] עֶר אִיז אִינְמִיטְן, [אִיז] אַז עֶר וֶועט פַאלְן, וֶועט עֶר פַאלְן אִין דֶער 'שִׁיף' אַרַיין! – אָבֶּער אַז עֶר וֶועט אַרוֹיף [צוּם שְׁפִּיץ], [אִיז] אַז עֶר וֶועט פַאלְן, וֶועט עֶר פַאלְן אִין 'יַם' אַרַיין!

הָאט זִי גֶעוַוארְט, בִּיז עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיף דֶעם שְׁפִּיץ [פוּנֶעם] 'זֶעגְל־בּוֹים' – הָאט זִי גֶענוּמֶען דִי 'בְּרֶען־בְּרִיל', אוּן הָאט זִי גֶעהַאלְטְן אַקֶעגְן זַיין 'מוֹחַ', בִּיז עֶס הָאט אִים גֶעבְּרִיט אִין 'מוֹחַ', אִיז עֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין 'יַם' אַרַיין!

**[ב]** וְוִי [זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן, אַז] עֶר אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן – אִיז דָארְט (אִין זַיין 'שִׁיף') גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיס גֶעפִילְדֶער [רַעַשׁ]! – אוּן [זֵיי] הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס צוּ טָאן: "וְוִיאַזוֹי קֶערְט מֶען זִיךְ אוּם [צוּרִיק] אַהֵיים? וָוארְן דֶער 'מֶלֶךְ' וֶועט שְׁטַארְבְּן פַאר צַעַר"!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: "[אַז] זֵיי וֶועלְן צוּגֵיין צוּ דֶער 'שִׁיף' וָואס זֵיי זֶעהְן (דְהַיְינוּ: צוּ דֶער 'שִׁיף' פוּן דֶער 'בַּת־קֵיסָר'), טָאמֶער אִיז דָארְט דָא עֶפֶּעס אַ 'דָאקְטֶער', וָואס עֶר וֶועט זֵיי קֶענֶען גֶעבְּן אַ עֵצָה"!

זֶענֶען זֵיי צוּגֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבְּן צוּ זֵיי גֶעזָאגְט (דְהַיְינוּ: צוּ דִי 'מֶענְטְשְׁן' וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיף דֶער 'שִׁיף' פוּן דֶער 'בַּת־קֵיסָר'): "אַז זֵיי זָאלְן קַיין מוֹרָא נִישְׁט הָאבְּן, וָוארְן זֵיי וֶועלְן זֵיי גָארְנִישְׁט טוּהְן"! – אוּן הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט: "טָאמֶער אִיז צְוִוישְׁן אַייךְ דָא אַ 'דָאקְטֶער', וָואס עֶר זָאל אוּנְז גֶעבְּן אַ עֵצָה"?! – אוּן הָאבְּן זֵיי דֶערְצֵיילְט דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה! – אוּן אַז דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין 'יַם' אַרַיין!

הָאט דִי 'בַּת־קֵיסָר' גֶעזָאגְט: "אַז מֶען זָאל אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דֶעם 'יַם'"! – זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבְּן אִים גֶעפוּנֶען, אוּן הָאבְּן אִים אַרוֹיסְגֶענוּמֶען! – הָאט דִי 'בַּת־קֵיסָר' גֶענוּמֶען דֶעם 'דֶפֶּק' [פּוּלְס] אִין

דֶער הַאנְט, אוּן הָאט גֶעזָאגְט: ״דֶער ׳מוֹחַ׳ אִיז אִים פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן״!

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען, אוּן הָאבְּן צוּרִיסְן דֶעם ׳מוֹחַ׳ – הָאבְּן זֵיי גֶעזֶעהְן: ״אַז עֶס אִיז אַזוֹי־וִוי זִי הָאט גֶעזָאגְט״! – זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר נִבְהָל [עֶרְשְׁטוֹינְט] גֶעוָוארְן! (דְהַיְינוּ: עֶס אִיז בַּיי זֵיי, זֵייעֶר אַ גְרוֹיס חִידוּשׁ גֶעוֶוען, וִוי דֶער ׳דָאקְטֶער׳, דְהַיְינוּ דִי ׳בַּת־קֵיסָר׳, הָאט אַזוֹי [פּוּנְקְטְלִיךְ] צוּגֶעטְרָאפְן)!

אוּן הָאבְּן זִי [אִיר] גֶעבֶּעטְן: ״אַז זִי זָאל מִיט זֵיי אִינְאֵיינֶעם גֵיין צוּ זֵיי אַהֵיים, וֶועט זִי זַיין אַ ׳דָאקְטֶער׳ בַּיי דֶעם ׳מֶלֶךְ׳, אוּן וֶועט בַּיי אִים זֵייעֶר חָשׁוּב זַיין״! – הָאט זִי נִישְׁט גֶעוָואלְט, אוּן זִי הָאט גֶעזָאגְט: ״[אַז] זִי אִיז גָאר קַיין ׳דָאקְטֶער׳ נִישְׁט, נָאר זִי וֵוייסְט [סְתַּם] אַזוֹי דִי [דָאזִיגֶע] זַאכְן״!

אוּן דִי ׳לַייט׳ [מֶענְטְשְׁן] פוּן דֶער ׳שִׁיף׳ פוּן דֶעם ׳בֶּן־מֶלֶךְ׳ הַנַ״ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט], הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט גֶעוָואלְט אוּמְקֶערְן זִיךְ אַהֵיים! – זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען דִי ׳בֵּיידֶע שִׁיפְן׳ אִינְאֵיינֶעם!

[ג] אִיז זֵייעֶר גֶעפֶעלְן דִי ׳שָׂרֵי־מְלוּכָה׳: ״אַז זֵייעֶר ׳מַלְכָּה׳ (דְהַיְינוּ: דָאס ׳וַוייבּ׳ פוּן דֶעם ׳בֶּן־מֶלֶךְ׳ [וָואס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין ׳יַם׳]), זָאל נֶעמֶען דֶעם [חֲתוּנָה הָאבְּן מִיטְן] ׳דָאקְטֶער׳ (דְהַיְינוּ: דִי ׳בַּת־קֵיסָר׳ וָואס זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען גֶעקְלֵיידְט וִוי אַ ׳זָכָר׳ – אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ ׳דָאקְטֶער׳)״! – מַחֲמַת [ווייל] זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהְן: ״אַז עֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶער ׳חָכָם׳ זֵייעֶר״!

דְרוּם [דֶערִיבֶּער] הָאבְּן זֵיי גֶעוָואלְט: ״אַז דִי ׳מַלְכָּה׳ זָאל נֶעמֶען דֶעם [חֲתוּנָה הָאבְּן מִיטְן] ׳דָאקְטֶער׳ (דְהַיְינוּ: דִי ׳בַּת־קֵיסָר׳), אוּן עֶר זָאל בַּיי זֵיי וֶוערְן [זֵייעֶר] ׳מֶלֶךְ׳! – אוּן זֵייעֶר ׳אַלְטְן מֶלֶךְ׳ (דְהַיְינוּ: דֶער ׳פָאטֶער׳ פוּן דֶעם ׳מֶלֶךְ׳) זָאלְן זֵיי הַרְגֶ׳ענֶען״!

נָאר זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשֶׁעמְט, דָאס צוּ רֶעדְן [מִיט] דֶער ׳מַלְכָּה׳: ״אַז זִי זָאל נֶעמֶען [חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַ] אַ ׳דָאקְטֶער׳״!

דֶער ׳מַלְכָּה׳, אִיז אָבֶּער אוֹיךְ זֵייעֶר גֶעפֶעלְן: ״אַז זִי זָאל נֶעמֶען דֶעם [חֲתוּנָה הָאבְּן מִיטְן] ׳דָאקְטֶער״! – נָאר זִי הָאט מוֹרָא גֶעהַאט פַאר דֶער ׳מְדִינָה׳, טָאמֶער וֶועלְן זֵיי נִישְׁט וֶועלְן: ״אַז עֶר זָאל זַיין ׳מֶלֶךְ׳״!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: ״זֵיי זָאלְן מַאכְן ׳בַּאלְן׳ (דְהַיְינוּ: ׳סְעוּדוֹת׳), כְּדֵי [אַז] בַּיי דֶעם ׳טְרוּנְק׳, בְּשַׁעַת חֶדְוָה [וֶוען עֶס אִיז פְרֵיילֶעךְ], זָאל מֶען קֶענֶען דֶערְפוּן שְׁמוּעֶסְן״! – הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַ ׳בַּאל׳, בַּיי אִיטְלֶעכְן אִין אַ בַּאזוּנְדֶערְן טָאג!

אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער ׳בַּאל׳ פוּן דֶעם ׳דָאקְטֶער׳ (דְהַיְינוּ: דִי ׳בַּת־קֵיסָר׳), הָאט עֶר זֵיי גֶעגֶעבְן פוּן זַיין ׳וַויין׳ וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט, כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! – זֶענֶען זֵיי ׳שִׁיכּוֹר׳ גֶעוָוארְן!

בְּשַׁעַת חֶדְוָה, הָאבְּן זִיךְ דִי ׳שָׂרֵי־מְלוּכָה׳ אָנְגֶערוּפְן: ״וָואסְפַארַא שֵׁיינְקֵייט דָאס וָואלְט גֶעוֶוען, אַז דִי ׳מַלְכָּה׳ זָאל נֶעמֶען דֶעם [חֲתוּנָה הָאבְּן מִיטְן] ׳דָאקְטֶער״״! – הָאט זִיךְ דֶער ׳דָאקְטֶער׳ (דְהַיְינוּ: דִי ׳בַּת־קֵיסָר׳) אָנְגֶערוּפְן: ״עֶס וָואלְט בְּוַודַאי זֵייעֶר שֵׁיין גֶעוֶוען, נָאר אַז מֶען זָאל דָאס רֶעדְן, נִישְׁט מִיט אַ פַארְטְרוּנְקְן מוֹיל [נִישְׁט וֶוען מֶען אִיז ׳שִׁיכּוֹר׳]״!

דִי ׳מַלְכָּה׳ הָאט זִיךְ אוֹיךְ אָנְגֶערוּפְן: ״עֶס וָואלְט זֵייעֶר שֵׁיין גֶעוֶוען, אַז זִי זָאל נֶעמֶען דֶעם [חֲתוּנָה הָאבְּן מִיטְן] ׳דָאקְטֶער׳, נָאר דִי ׳מְדִינָה׳ זָאל דֶערוֹיף מַסְכִּים זַיין״! – הָאט זִיךְ וִוידֶער [צוּם צְוֵוייטְן מָאל] דֶער ׳דָאקְטֶער׳ אָנְגֶערוּפְן: ״עֶס וָואלְט בְּוַודַאי זֵייעֶר שֵׁיין גֶעוֶוען, נָאר אַז מֶען זָאל דָאס רֶעדְן, נִישְׁט מִיט קַיין פַארְטְרוּנְקְן מוֹיל״!

נָאכְדֶעם! אַז זֵיי הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶענִיכְטֶערְט פוּן דֶעם ׳שִׁכְרוּת׳, הָאבְּן זִיךְ דֶערְמַאנְט דִי ׳שָׂרִים׳: ״וָואס זֵיי הָאבְּן דָא גֶעזָאגְט״! – אוּן הָאבְּן זִיךְ גֶעשֶׁעמְט פַאר [פוּן] דֶער ׳מַלְכָּה׳, וָואס זֵיי הָאבְּן אַזוֹינְס גֶעזָאגְט! – נָאר זֵיי הָאבְּן זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: ״[אַז] דִי ׳מַלְכָּה׳ אַלֵיין, הָאט דָאךְ אוֹיךְ דָאס גֶעזָאגְט״!

אוּן דִי מַלְכָּה׳ הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעשֶׁעמְט פַאר [פוּן] זֵיי! – נָאר זִי הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גֶעוֶוען: ״[אַז] זֵיי אַלֵיין, הָאבְּן דָאךְ אוֹיךְ דָאס גֶעזָאגְט״!

דֶערְוַוייל הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְפוּן צוּ שְׁמוּעֶסְן! – אִיז אַזוֹי [טַאקֶע] גֶעבְּלִיבְּן! – הָאבְּן זֵיי זִיךְ מִתְחַתֵּן [מְשַׁדֵּךְ] גֶעוֶוען, דִי ׳מַלְכָּה׳ מִיט דֶעם ׳דָאקְטֶער׳ (דְהַיְינוּ: מִיט דֶער ׳בַּת־קֵיסָר׳, וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז דָאס אִיז אַ ׳דָאקְטֶער׳, כַּנַ״ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])! – אוּן [זֵיי] זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אַהֵיים, צוּ זֵייעֶר ׳מְדִינָה׳!

[ד] וִוי דִי ׳מְדִינָה׳ הָאט דֶערְזֶעהְן אַז זֵיי קוּמֶען, זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר פְרֵיילֶעךְ גֶעוָוארְן! – וָוארְן עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַ לַאנְגֶע צַייט, אַז דֶער ׳בֶּן־מֶלֶךְ׳ אִיז אַוֶועק מִיט דֶער ׳שִׁיף׳, אוּן מְ׳הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט

וואוּ עֶר אִיז; און דֶער 'אַלְטֶער מֶלֶךְ', אִיז דֶערְוַוייל גֶעשְׁטָארְבְּן, אֵיי [אֵיידֶער] זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען!

דֶערְוַוייל הָאבְּן זֵיי דֶערְזֶעהְן: "אַז דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ', וָואס עֶר אִיז גֶעוֶועזְן זֵייעֶר 'מֶלֶךְ', אִיז נִישְׁט דָא"! – הָאבְּן זֵיי גֶעפְרֶעגְט (דְהַיְינוּ: דִי 'מְדִינָה' הָאט גֶעפְרֶעגְט): "וואוּ אִיז אוּנְזֶער 'מֶלֶךְ'"?!

הָאבְּן זֵיי דֶערְצֵיילְט [פַאר] זֵיי, דִי גַאנְצֶע 'מַעֲשֶׂה': "אַז דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' אִיז שׁוֹין לַאנְג גֶעשְׁטָארְבְּן – און אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אוֹיפְגֶענוּמֶען אַ 'נַייעֶם מֶלֶךְ', דֶעם וָואס עֶר גֵייט מִיט זֵיי (דְהַיְינוּ: דֶעם 'דָאקְטֶער', דָאס אִיז דִי 'בַּת־קֵיסָר')"! – הָאט זִיךְ דִי 'מְדִינָה' זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט, [אוֹיף] וָואס זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אַ 'נַייעֶם מֶלֶךְ'!

## פֶּרֶק ו – קוּם לָאמִיר אַהֵיימְפָארְן

[א] דֶער 'מֶלֶךְ' (דְהַיְינוּ: דִי 'בַּת־קֵיסָר'), הָאט גֶעהֵייסְן אוֹיסְרוּפְן אִין אַלֶע 'מְדִינוֹת': "אַז וואוּ עֶס גֶעפִינְט זִיךְ עֶרְגֶעץ – 1) אַ' גֵר' [פְרֶעמְדֶער מֶענְטְשׁ]! – 2) אָדֶער אַ 'בּוֹרֵחַ', דְהַיְינוּ אַ 'אַנְטְלָאפֶענֶער'! – 3) אָדֶער אַ 'פַארְטְרִיבֶּענֶער'! – זָאלְן זֵיי אַלֶע קוּמֶען אוֹיף דֶער 'חֲתוּנָה'! עֶס זָאל [קַיין] אֵיינֶער פוּן זֵיי נִישְׁט אָפְּגֵיין [פֶעלְן]! – וֶועלְן זֵיי נֶעמֶען [און זֵיי וֶועלְן בַּאקוּמֶען] 'גְרוֹיסֶע מַתָּנוֹת'"!

ווִידֶער הָאט גֶעהֵייסְן דֶער 'מֶלֶךְ' (דְהַיְינוּ: דִי 'בַּת־קֵיסָר'): "אַז מֶען זָאל מַאכְן אַרוּם דֶער גַאנְצֶער 'שְׁטָאט', 'קְוַואלְן', אַרוּם און אַרוּם! – כְּדֵי אַז [אוֹיבּ] אֵיינֶער וֶועט וֶועלְן אַ טְרוּנְק טָאן, זָאל עֶר נִישְׁט בַּאדַארְפְן אַוֶועקְגֵיין אַ טְרוּנְק טָאן, נָאר אִיטְלֶעכֶער זָאל גֶעפִינֶען אַ 'קְוַואל' נֶעבְּן זִיךְ"!

נָאךְ הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' (דְהַיְינוּ: דִי 'בַּת־קֵיסָר') גֶעהֵייסְן: "אַז מֶען זָאל זַיין 'צוּרָה' [בִּילְד פוּנֶעם פָּנִים] אָפְּמָאלְן, בַּיי אִיטְלֶעכְן 'קְוַואל' – און מְ'זָאל שְׁטֶעלְן 'שׁוֹמְרִים', [אַז] זֵיי זָאלְן הִיטְן: בְּאם [אוֹיבּ] אַז אֵיינֶער וֶועט קוּמֶען, און וֶועט זִיךְ שְׁטַארְק צוּקוּקְן צוּ דֶער 'צוּרָה' (דְהַיְינוּ: צוּ דֶעם 'פַּאטְרֶעט' [בִּילְד] פוּן דֶעם 'מֶלֶךְ' – דָאס אִיז דִי 'בַּת־קֵיסָר', כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]), און וֶועט מַאכְן אַ 'שְׁלֶעכְט פָּנִים' [אַז זַיין 'פָּנִים' וֶועט זִיךְ טוּישְׁן, אַזוֹי־ווִי אֵיינֶער וָואס קוּקְט גוּט אוֹיף עֶפֶּעס, און עֶר וואוּנְדֶערְט זִיךְ דֶערוֹיף און אִיז זִיךְ מְצַעֵר] – זָאל מֶען דֶעם מֶענְטְשׁ כַאפְּן, און מֶען זָאל אִים אַיינְזֶעצְן אִין דֶער 'תְּפִיסָה'"! – הָאט מֶען אַלְץ [אַלֶעס] אַזוֹי גֶעטָאן.

[ב] זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען דִי אַלֶע דְרֵיי – דְהַיְינוּ: 1) דֶער עֶרְשְׁטֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ', וָואס עֶר אִיז דֶער רֶעכְטֶער [רִיכְטִיגֶער] 'חָתָן' פוּן דֶער 'בַּת־קֵיסָר' (וָואס זִי אִיז דָא 'מֶלֶךְ' גֶעוָוארְן)! – 2) און דֶער 'זוּהְן' פוּן דֶעם 'סוֹחֵר' (וָואס דֶער 'פָאטֶער' הָאט אִים פַארְטְרִיבְּן, אִיבֶּער [צוּלִיבּ] דֶער 'בַּת־קֵיסָר', וָואס זִי אִיז פוּן אִים אַנְטְלָאפְן גֶעוָוארְן, כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])! – 3) און דֶער 'מֶלֶךְ' וָואס מֶען הָאט אִים פַארְטְרִיבְּן (אוֹיךְ אִיבֶּער [צוּלִיבּ] דֶער 'בַּת־קֵיסָר', וָואס זִי אִיז פוּן אִים אַנְטְלָאפְן גֶעוָוארְן מִיט דִי 'עֶלֶעף פַאנֶעס', כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

און אִיטְלֶעכֶער פוּן דִי 'דְרֵיי', הָאט דֶערְקֶענְט אַז דָאס אִיז אִיר 'צוּרָה'! און הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר [שְׁטַארְק] צוּגֶעקוּקְט! און הָאבְּן זִיךְ דֶערְמַאנְט! און הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶועזְן! – הָאט מֶען זֵיי גֶעכַאפְּט אִין דֶער 'תְּפִיסָה' אַרַיין!

[ג] בְּשַׁעַת 'חֲתוּנָה' – הָאט דֶער 'מֶלֶךְ' גֶעהֵייסְן (דְהַיְינוּ: דִי 'בַּת־קֵיסָר'): "אַז מֶען זָאל דִי 'שְׁבוּיִים'" [גֶעפַאנְגֶענֶע־אַרֶעסְטִירְטֶע] בְּרֶענְגֶען פַאר אִים! – הָאט מֶען גֶעבְּרַאכְט [גֶעבְּרֶענְגְט] דִי אַלֶע 'דְרֵיי' [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע]!

הָאט זִי זֵיי דֶערְקֶענְט! – און זֵיי הָאבְּן זִי [אִיר] נִישְׁט דֶערְקֶענְט, מַחֲמַת [וַוייל] זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען אָנְגֶעטָאן ווִי אַ 'מַאנְסְבִּיל' [מַאן]!

הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן דִי 'בַּת־קֵיסָר' און הָאט גֶעזָאגְט:

"דוּ 'מֶלֶךְ': דִיךְ הָאט מֶען פַארְטְרִיבְּן, אִיבֶּער [צוּלִיבּ] דִי 'עֶלֶעף פַאנֶעס', וָואס זֵיי זֶענֶען פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן! – נַאדִיר אָפּ [דָא הָאסְטוּ צוּרִיק] דַיינֶע 'פַאנֶעס'! קֶער דִיךְ אוּם [צוּרִיק] אַהֵיים, צוּ דַיין 'מְדִינָה', און צוּ דַיין 'מְלוּכָה'"!

"דוּ 'סוֹחֵר' (כְּלוֹמַר: פְרִיעֶר הָאט זִי גֶערֶעדְט צוּם 'מֶלֶךְ' – הַיינְט [יֶעצְט] הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעדְן צוּם 'בֶּן־הַסּוֹחֵר' הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]): דִיךְ הָאט דַיין 'טַאטֶע' פַארְטְרִיבְּן, אִיבֶּער [צוּלִיבּ] דֶער 'שִׁיף' מִיט דֶער 'סְחוֹרָה', וָואס עֶס אִיז פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן (כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])! – נַאדִיר אָפּ [דָא הָאסְטוּ צוּרִיק] דַיין 'שִׁיף', מִיט גָאר דֶער [דִי גַאנְצֶע] 'סְחוֹרָה'!

און דֶערְפַאר וָואס דַיין 'גֶעלְט' אִיז אַזוֹי לַאנְג אוֹיסְן גֶעוֶועזְן [זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן], דֶערְפַאר הָאסְטוּ הַיינְט מֶער 'עֲשִׁירוּת' אִין דֶער 'שִׁיף', כִּפְלֵי־כִּפְלַיִם מֶער פוּן פְרִיעֶר (וָוארְן הַיינְט אִיז נָאךְ גֶעוֶוען [צוּגֶעקוּמֶען] אִין דֶער 'שִׁיף', דָאס גְרוֹיסֶע 'עֲשִׁירוּת' פוּן דִי 'רוֹצְחִים', כַּנַ"ל [ווִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])"!

"און דוּ 'בֶּן־מֶלֶךְ' (דְהַיְינוּ: דֶער עֶרְשְׁטֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ', וָואס עֶר אִיז בֶּאֱמֶת דֶער 'חָתָן'): קוּם אַהֶער – לָאמִיר אַהֵיימְפָארְן"! – הָאבְּן זֵיי זִיךְ אוּמְגֶעקֶערְט אַהֵיים! – אָמֵן וְאָמֵן!

בס"ד

# דעם רבינ'ס מעשיות



נאמען ____________________

טעלפון ____________________

שטאט ____________________

# בחינה אויף סיפורי מעשיות

## די צווייטע מעשה - דער מלך און דער קיסר (3) (סוף)

**א. אינמיטן די מעשה דערציילט דער רבי אויף א מלך וויפיל קינדער האט דער מלך געהאט?**

- ☐ א בן יחיד
- ☐ זעקס זון
- ☐ ער האט בכלל נישט געהאט קיין קינדער

**ב. וואס האט דער מלך געטון פאר זיין זון?**

- ☐ ער האט אים קודם אפגעגעבן די מלוכה און נאכדעם אים חתונה געמאכט
- ☐ ער האט אים קודם חתונה געמאכט און נאכדעם אפגעגעבן די מלוכה
- ☐ ער האט אים נאר איבערגעגעבן די מלוכה

**ג. וואס איז די סיבה וואס דער בן מלך האט געזאגט - אז וועגן דעם, וויל ער גיין אויפ'ן ים**

- ☐ כדי זי זאל זיין געוואוינט צו דער לופט פון דער ים
- ☐ ווייל אפשר וועט מען אמאל דארפן אנטלויפן אין ים
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד. וועלכע האר האט דער בן מלך געהאט אויפ'ן קאפ?**

- ☐ שווארצע
- ☐ ווייסע
- ☐ ער האט געהאט א פליח

**ה. וויאזוי האט די בת קיסר אריינגעווארפן דעם בן מלך אין ים?**

- ☐ דורך כישוף
- ☐ זי האט אויף אים געווארפן א שטיין
- ☐ דורך א ברען בריל

**ו. ווען האט זי געמאכט ער זאל אריינפאלן אין ים?**

- ☐ גלייך ווען ער האט אנגעהויבן ארויף גיין אויף די זעגל בוים
- ☐ ווען ער איז געווען אינמיטן זעגל בוים
- ☐ ווען ער איז שוין געווען אויפ'ן שפיץ זעגל בוים

**ז. האט די בת קיסר געזאגט אז זי איז א דאקטער, אדער נישט?**

- ☐ יא! אז זי איז א דאקטער
- ☐ זי איז אמאל געווען א דאקטער
- ☐ אז זי איז נישט קיין דאקטער

**ח. וואס איז געפעלין פאר די שרי המלוכה?**

- ☐ אז זייער מלכה זאל חתונה האבן מיט דעם דאקטער און דער דאקטער וועט זיין מלך
- ☐ אז זיי זאלן הרג'ענען דעם אלטן מלך
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ט. וואס האבן די שרים געזאגט ביי די באל פון דעם דאקטער?**

- ☐ וואספארא שיינקייט וואלט געווען אז די מלכה זאל נעמען דעם דאקטער
- ☐ וואו גוט וואלט געווען ווען מ'הרג'ט דעם אלטן מלך
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**י. וואס האט זיך דער דאקטער אנגערופן?**

- ☐ זייער גוט
- ☐ זייער גוט נאר מ'זאל דאס רעדן אין קעניגליכן פאלאץ
- ☐ עס וואלט זייער שיין געווען נאר מ'זאל דאס רעדן נישט מיט א פארטרונקענעם מויל

**יא. וויפיל מאל שטייט אין די מעשה די פריערדיגע ענטפער פון דער דאקטער?**

- ☐ איין מאל
- ☐ צוויי מאל
- ☐ דריי מאל

**יב. האבן זיך די מלכה און דער דאקטער מתחתן געווען?**

- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ די מלכה האט זיך משדך געווען מיט דעם בן הסוחר

**יג. האט נאך דער מלך געלעבט ווען די מלכה און דער דאקטער זענען אנגעקומען?**

- ☐ יא
- ☐ ער איז געווען קראנק
- ☐ ניין

**יד. ווער האט דער דאקטער געהייסן קומען אויף די חתונה?**

- ☐ אלע אנטלאפענע
- ☐ אלע פארטריבענע
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טו. ווער האט מען גענומען אין תפיסה?**

- ☐ דער מלך וואס האט געברענגט די עלעף פאנעס
- ☐ דער בן הסוחר
- ☐ דער ערשטער בן מלך, דער בן הסוחר, און דער מלך וואס האט געברענגט די עלעף פאנעס

**טז. וואס האט די בת קיסר געזאגט פאר דעם בן המלך ביי די חתונה?**

- ☐ גיי צוריק צו דיין דלאנד מיט די עלעף פאנעס
- ☐ נעם די שיף מיט די סחורה
- ☐ קום אהער לאמיר אהיים פארן

**האבן זיי זיך אום געקערט אהיים אמן ואמן - מיט פיל הצלחה**

די סיפורי מעשיות וואס דער הייליגער רבי האט דערציילט זענען קודש קדשים, זיין כוונה איז געווען אונז צו אויפוועקן פון טיפן שלאף,
אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז "די סיפורי מעשיות זענען מסוגל צו אויפוועקן פון שלאף.
דער הייליגער רבי האט געזאגט אז אין יעדע ווארט פון די הייליגע מעשיות זענען באהאלטן סודות התורה,
און אפילו א פשוטער מענטש וואס וועט עס לערנען, קען ארויס נעמען פון דעם מוסר און התעוררות צו השם יתברך.

דעם רבינ'ס ליכט

**צו מאכן די בחינה און אריין גיין אין גורל רוף די טעלפאן ליין 02-5333-72 - ארה"ב 646-518-1095**

בס"ד

# דעם רבינ'ס מעשיות



שם ____________________

טלפון ____________________

עיר ____________________

# מבחן בסיפורי מעשיות

## מעשה ב׳ - ממלך וקיסר (3) (סוף)

**א. כמה בנים היה למלך הזקן?**
- ❑ בן יחיד
- ❑ ששה בנים
- ❑ לא היו לו בנים כלל

**ב. מה הסדר שרבינו מספר שהמלך זקן עשה לבנו?**
- ❑ מסר לו מלכותו ואח"כ השיא אותו
- ❑ השיא אותו ומסר לו מלכותו
- ❑ רק מסר לו מלכותו

**ג. איזה טעם אמר הבן מלך למה הוא רוצה לטייל עם אשתו בים?**
- ❑ כדי שתהיה רגילה באויר הים
- ❑ פן ח"ו מוכרחים באיזו פעם לברוח בים
- ❑ שתי התשובות נכונות

**ד. איזה שערות היה לבן מלך?**
- ❑ שחורות
- ❑ לבנות
- ❑ היה קֵרֵחַ

**ה. איך יכלה הבת קיסר להפיל את הבן המלך הזקן לים?**
- ❑ ע"י כישוף
- ❑ ע"י שזרקה אליו אבן
- ❑ ע"י זכוכית ששורף שיש לה (ברען בריל)

**ו. היכן היה בן מלך הזקן כשהפילה אותו הבת קיסר לים?**
- ❑ כשהתחיל לעלות על התורן
- ❑ כשהיה באמצע לעלות על התורן
- ❑ כשהיה כבר בראש התורן

**ז. מה אמרה הבת קיסר האם היא דוקטור או לא?**
- ❑ אני דוקטור
- ❑ פעם הייתי דוקטור
- ❑ אינני דוקטור

**ח. מה רצו לעשות שרי המלוכה כשראו חכמת הבת קיסר?**
- ❑ שהמלכה שלהם (אשתו של בן המלך הזקן) תישא את הדוקטור (הבת קיסר) והוא יהיה המלך
- ❑ להרוג את המלך הזקן
- ❑ שתי התשובות נכונות

**ט. מה אמרו השרים ביום המשתה של הדוקטור (הבת קיסר)?**
- ❑ מה יפה היה שהמלכה תישא את הדוקטור (הבת קיסר)
- ❑ מה יפה שנהרוג את המלך הזקן
- ❑ שתי התשובות נכונות

**י. מה ענתה הדוקטור (הבת קיסר)?**
- ❑ יפה מאוד
- ❑ יפה מאוד היה רק אם מדברים זאת בארמון המלוכה של המלך הזקן
- ❑ יפה מאוד היה רק אם מדברים זאת בלתי פה שתוי (שלא בשעת שכרות)

**יא. כמה פעמים מזכיר רבינו במעשה, שהדוקטור (הבת קיסר) ענתה התשובה הנ"ל?**
- ❑ פעם אחת
- ❑ פעמיים
- ❑ שלושה פעמים

**יב. האם לבסוף המלכה התחתנה עם הדוקטור (הבת קיסר)?**
- ❑ כן
- ❑ לא
- ❑ בסוף המלכה התחתנה עם בן הסוחר

**יג. האם כשחזרו המלכה והדוקטור (הבת קיסר) למדינה המלך הזקן היה חי עדיין?**
- ❑ כן
- ❑ היה חולה
- ❑ לא

**יד. את מי צוה המלך (הבת קיסר) שיבוא לחתונה שלו?**
- ❑ גר, ואורח
- ❑ גר ואורח ובורח
- ❑ גר ואורח ובורח ומגורש, כולם יבואו

**טו. את מי תפסו בתפיסה?**
- ❑ המלך שבנה פלטין על הים
- ❑ המלך שבנה פלטין על הים, ובן הסוחר
- ❑ המלך שבנה פלטין על הים, ובן הסוחר, בן המלך

**טז. מה אמרה הבת קיסר לבן המלך בחתונה?**
- ❑ שוב למדינתך עם האחת עשר בנות השרים
- ❑ הרי לך הספינה עם כל הסחורה בכפלי כפליים
- ❑ נלכה ונסעה

**ואתה בן המלך נלכה ונסעה ושבו לביתם - בהצלחה גדולה**

ספורי מעשיות שסיפר רבינו הקדוש הם קודש קדשים וכונתו ז"ל הייתה כדי לעורר אותנו משנתינו הרוחנית, וללמד אותנו דעת ודרך ישרה לעבודת השם יתברך בהתעוררות הלב, כמו שאמר רבינו: ש"ספורי מעשיות שלו מסוגלים לעורר מהשינה", ולמען דעת אשר בכל תיבה ותיבה מאלו המעשיות טמונים סודות התורה טמירים ונעלמים, כנשמע מפיו הקדוש בעצמו, ואפילו איש פשוט אשר יקרא אותם יכול להוציא לעצמו מוסר והתעוררות להשם יתברך

להיכנס להגרלה ניתן לשלוח תשובות לפקס 1532651961 או ל: L3233287@gmail.com